STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05838

NIT KEYN ALBATROS

Asia

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Nit keyn albatros.
839 091
A

אַסיאַ

ניט
קיין
אַלבאַטראָס

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג
תל-אביב, תשמ"ב — 1981

אַסיאַ

ניט קיין אַלבאַטראָס

לידער

ASIA

NIT KEIN ALBATROS

Poems

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר יִידיש-שאַפונג אין ישראל
רחוב איתמר בן-אבי 4, תל-אביב, ת.ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P. O. B. 1777

©

Printed in Israel, 1981
נדפס בישראל, תשמ"ב

דפוס „אורלי" — י. פרידמן, תל-אביב טל. 332062

– מ־ין אי־ציקן

דערשינען מיט דער מיטהילף פון קרן תל־אביב
לתרבות ולאמנות ע״ש י. רבינוביץ׳
און פון אל. פינעס־פאָנד פאַר ליטעראַטור און קונסט.

אַסיאַ ★ ניט קיין אַלבאַטראָס

א גרענעץ

ניט קיין אַלבאַטראָס

אין דײַן ערנסטקייט ווי אין אַ וואַסער
צעשמייכלט זיך מײַן גוף,
איידער איך פאַרטונק זיך
ביז איבערן קאָפּ
מיך נעמט מיט ציטער דורך
די קילע שטילקייט
דער דורכזיכטיקער כּוח
אײַנגענומען אין די ברעגן,
כ׳מאַך אַ פּרווו אַנטרינען
נאָר אַ שפּרודל זון אין וואַסער,
אין ערנסטקייט דײַן שמייכל, —
און איך פלי, פלי אָפּ
שווימען.
ניט נאָך דער שיף
אַן אַלבאַטראָס
אין אָפּגעטעמפּטע פינגער
פֿון מאַטראָז —
אַ מעווע נידערט באַלד
פון צעשפּרודלטן געזאַנג
באַפליגלט אויפגעהויבן זיך ווידער.

דער דריטער

אַ וואָרף געטאָן זיך
אויפן צווייטן ברעג פון טיש,
דו צאַפּלסט נאָך
איך שפּיר אַ טריקעניש אין גומען,
פאַרגליווערט ווי פון פראָסט
דאָ פון דער היץ,
איך קאָן די טיף פון שווײַגן
ניט אַריבערשווימען.

אונטער דײַן בליק
כ'ווער דורכזיכטיק ווי גלאָז
דאָ אין דעם אָפּגעדעקטן פענצטער.
דײַן בליק, די אויערן אָנגעשפּיצט
ווי בײַ אַ האָז, אַנטלויפן גרייט
פון יעדן פרעג און ענטפער.

נאָר פּלוצים אַרום מיר דײַן קול
און די חמימה פלאַצט ווי אײַז
ווען ס'הייבט אָן פרילינג זינגען.
דו זאָגסט,
געווען אַ דעמב אַמאָל,
דער דריטער צווישן אונדז דאָ,
דער טיש, עס איז דערין
גאָטס פינגער.

ניין, זאָג איך, די גאַנצע האַנט
איז דאָ אין דעם דערשטיקטן
דעמבענעם געזאַנג.
דו שמייכלסט ? —
ווי שטיל ווי אומבאַמערקט,
איז דאָ אַרײַן אַ מילדע זומער-נאַכט.

אין שטראָם

פּאָרזיכטיק, כ׳טראָג־צו די ליפּן
צום אויסגעשטאַנענעם געטראַנק.
ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געיוירט,
פאַרקאָרקעוועט אין פלעשער פון חלומות —

נאָר זיי, די ציטערנישן פון דער ערד,
זיי טרייסלען און צעטרייסלען
די קעמערלעך פון זכרון
און רײַסן אויף דעם שטראָם.

איז וואָס-ווער-ווו די וואָכע חושים מײַנע!
די אויגן אויפן זעגלבוים, כ׳ווער מיטגעריסן
מיט דער שיף — די נאַכט,
די אייביק שיכורע אין כוואַליעס.

★

האָבן מיר שוין ניט
די זעלבע הויט —
זאָגסט, צײַט
האָט זי אויסגעבלאַסט ?
ערגער, טײַערער,
אַרויסגענאַשט
דעם כוח פון באַרירן — — — —
איז ווײ, צו שפּעט
דערשפּירן זיך צו דינקייט
מיט פינגער שאָרסטקע.

פאַר מיר און פאַר דיר

איצט קאָן איך שוין שווייַגן צו דיר.
איך בין שוין אַריבער מייַן שווייַגן.
דייַן שווייַגן — אונדזער אויסשווייַגן דיך.

דו דאַרפסט שוין ניט ענטפערן מיר,
אין אייגענעם ברונעם פון בענקען געפין איך
די תשובות פאַר מיר און פאַר דיר.

איך דאַרף נאָר דייַן בליק איבער מיר
אַ שעה, צו פאַרטראָגן דאָס שפּאַרן דאָס שלאָגן
פון ווינטער, ער שטייט שוין הינטערן טיר.

ראָנדאָ

ווי וויַזערס אין זייגער
דעם מרחק געהיט
אין ראָנדאָ פון אונדזער צוזאַמען גיין
ביז אויסשלאָגן וועט
צוועלף זעלביקע טענער
די שעה
פון אַ רגע זיך צוזאַמענגיין.

צי האָב איך געאײַלט זיך,
צי בין איך געלאָפן?
מיט דיר צו דיר
איז דאָך זײַט בײַ זײַט,

מיט דיר צו דיר
ווער טראַכט דען פון סופן,
איז וואָס האָט אין ראָד זיך צעבראָכן
וואָס אַרויסגעפאַלן דו ביסט
פון מײַן צײַט.

רויט און גרין

ווען איך איבערוואַרטן
ס׳רויטע ליכט ביז ס׳וועט גרינען
און פּלוצים אין לויפנדיקן המון
אַזוי נאָענט דײַן טראָט.
ווען איך בענטשן אַלע סעמאַפאָרן
פון דעם טאָרן און ניט טאָרן,
וואָס באַהיטן פון ווילדן פענד
די שטאָט.

יעדער גוף אַ שיף
געשפּאַנט צום האַפן
אויף אַ כוואַליע אייגענער פון האָפן
רודערט צו אַ ברעג,
נאָר פּאָר צוויי
סיגנאַל פון סייסמאָגראַפן, —
הענט צונויפגעטראָפן,
ווייסן אַז ס׳עפנט זיך דער וועג.

שטילע ברעגן

צו די נעכטיקע טעג קום אַוועק,
ווער זאָגט עס דו האָסט זיי פאַרלוירן ?
נאָר די פּאַווע פאַרקוקט אין איר אייגענעם עק
וועט ניט פאַלן אויף זייערע שפּורן.

ווי די בענקשאַפט וואָס איז צו דעם חלום אַוועק
זײַנען זיי צו דער שלווה געגאַנגען
דורך שנאָבלען פאַרליבטע אין וואַלד
און ער זינגט,
מיט די וואָסערן קושן אַ ברעג
און ער גרינט,
שטילע ברעגן גייען צו דיר.

די שעה

ווי אַ צעלט אירע הענט.
די ליפּן פֿאַרקלעמט
וואָס האָבן געקענט
דײַן פּנים.
ווי האָט ער געפֿלאַמט,
איצט פֿאַרלאָשן
בײַם וואַנט
און דײַן ליכט
וואָס פֿליסט
פֿון איר פּנים.

שוין באַלד האַלבע נאַכט
ניט באַטראַכט — צוגעטראַכט,
ווי אַ ליד
איז דאָס נעמען און געבן.

זאָל פֿאַרגעבן די שעה.
ער בײַם וואַנט,
זי — ניט דאָ
וואָס פֿאַרשטעלט האָט
די שעה פֿון זײַן לעבן.

עפּל

ס׳שמעקט מיט עפּלסאָד און סוד דעם וואַלדיקן
אין חלום קוים באַרירטן,
ווילן די פינגער אַדורך־ריר־טאָן
ס׳געדיכטעניש פון גרויען יינגל־קאָפּ.

אינעם פּלאָנטער פון פּאַרווייטע וועגן
צו דער נאָענטקייט זיך דערפרעגן
פון ניט איין זאַוויי באַדראָט.

כ׳שאַר צונויף דעם שניי פון דער טשופּרינע,
אַ באַרעגנטע פון בליקן גרינע,
כ׳היט שוין ניט דעם טראָט,
אַזוי נאָענט שמעקט דאָ מיט עפּל־סוד.

ווידערוועג

ווײַסע סטאַיעס
האָבן ליב דאָס וואַסער
בײַם וואַסער. וואָס זשע
נעמסטו אײַן די פליגל,
בלויער פויגל מײַנער?
ווי קאַפּריזנע איז געוואָרן
דײַן טשוב פון גרויע פעדערן —
זענען דאָס די וועטערן?
מיט מײַן עקשנותדיקן בענקען
טו איך היילן
דײַן מיד-קאַפּריזנעם
טרוים,
ביז צווישן צווײַ אינדזלען
בליקן גרינע
בײַם באַגינען
דיר ווידער לײַכט דער וועג,
אַלץ לײַכטער, גרינגער,
צוריק צו מײַנע קילע
גליִענדיקע פינגער.

*

שטראָף ניט פֿאַר קאָנען געדענקען.
כ׳בין ציַיטיק געוואָרן אין בענקען
און ציַיטיק פֿון טועם זיַין שיינקייט —
איך שפּיר נאָך דעם בראשית פֿון ליד.

✶

נאָך ניט אויסגעטאָן דער סאָד
פון זיסן סוד,
אויסגעפּיקט זיך נאָר פון שטײַפע קנאָספּן.
עס טשאַטעווען נאָך טשאַטעס בינען
אויף די דעקאָלטן אויפגעבלומטע
בלומען-ברוסטן ווי ס׳שמעקט מיט זון און האָניק
אַ לאַנגער זומער-טאָג.

איך האָב נאָר פאַרגעסן

גערטרוימט האָב איך
גרייטן אַ טיש פאַר דיר
און קנעפּלעך נייען
אין דײַנע העמדער —
האָב איך פאַרגרייט
אַ טיש פאַר מיר,
שוין פרעמד איז אים
מער נישט דער פרעמדער.

איך האָב נאָר פאַרגעסן
די נאַכטיקע שטאָט —
צי ליגט זי אין רעגן
פאַרבענקט נאָך איר מראה ?
עס דוכט, די לבנה,
ווי אויסגעטאָן האָט
דער אדם דער נײַער
פון בלויקייט און סוד,
איר פנים פאַרשעמט אין אַ כמאַרע.

ווי וואָלט איך אַ רגע
זיך טאָן אַ פאַרליר
אין נאַכט הינטער פאָרהאַנג
און גאַניק...
עס יאָגן סירענעס
צעשפּוזשעט לעם טיר,
און איך שטיי דאָ פאַרגליווערט
בײַם ריגל און טיר, —
עס שטייען די פענצטער
אין פּאַניק.

אַ דאַך

און אַז מען קען
דעם דרויסן שוין
אויף אויסנווייניק,
די טיר פאַרשלאָסן,
די שטאָרן אַראָפּגעלאָזט
איבער שויבן,
נאָר ס׳לאָזט זיך ניט פאַרטויבן
דער גיר-ר פון טויבן,
פון זאַטע פרייד,
נישט פון באַפליגלטן געזאַנג, —
ווי נענטער דאַן
דער צוויטשער אין די צווייַגן
פון שוועלבעלעך די שוואַכע,
ווי נענטער זיי
דער הימל און דער שליאַר,
נישט צוטראַכטן פאַר זיי
אַ בוידעם מיט אַ דאַך...

אַ חלום

אַ גוט-יאָר דיר
יום-טובדיקע כלה.
דעם שלייער איבער דיר —
מײַן שויבער האָר
כ׳הייב אויף
און ווידער כ׳בין מגלה
הרי את מאורסת לי
אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר.
הרי אני לך
נאָך דיר
מײַן יום-טובדיקער חתן
אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר,
אַ יום-טובדיקע, גלייב,
געגאָסן פון דיין בליק
געשליפן מיט דײַן לשון
אין חופּה-קלייד
דײַן אָטעם אויף מײַן הויט.

אַ גוט-יאָר דיר
יום-טובדיקע כלה,
פון איין יום-טוב צום צווייטן לויפט
אַ ניכטערע די וואָר.

אַ גוט-יאָר דיר
יום-טובדיקער חתן.
איך גרייט צום יום-טוב זיך
דורך אַלע טעג פון יאָר.

אַן אות פון מײַן נאָמען

מײַן טאַטע האָט דיך
ניט באַגזלט,
מײַן שוועסטער האָט מיך
ניט באַנומען,
מיר האָבן צוזאַמען
דאָס וואַסער דאָס קלאָרע
געשעפּט פון פאַרפּישופּטן ברונעם.
האָסטו מיט אַ שטיין
אים פאַרלייגט
קאָן איך צו זײַן וואַסער
ניט קומען.
איז וועל איך, ווי רחל,
ניט שטאַרבן,
און דו וועסט ניט אַרבן
אַ לעבן אַ נייס
פון מײַן אָפּגעקילט געלעגער.
ס׳קאָן זײַן צווישן טאָוולען
אַ ציטער טאָן וועט נאָר
דײַן פעדער
ווען דו וועסט פּרוּוון
פאַרקריצן
אַן אות פון מײַן נאָמען.

אַ סאַזשלקע

בײַ נאַכט אין בערג אַ סאַזשלקע
ליגט ווי אין אַ הויפן.
דאָרט שלאָפן פיש,
נאָר ניט די יונגען
פון די פישער-הויפן.

איז וואָס זשע האָסטו
די קנופן לויז געמאַכט,
פרײַ געלאָזט דאָס שיפל
פון דער סאָסנע,
עס לאָזן מיטן וואַסער
אין אַ לבנה-נאַכט ?

און איך האָב ניט געמיינט
דעם וויאָסלער,
דאָס שיפעלע האָב איך געמיינט,
דער בלויער אומעט
פון מײַן שפּעטן וויאָסנע,
האָט ווי די ברעגן זיך
די נאַכט-כוואַליעס פאַרשענקט.

כישוף

ווי זומער-אָוונט אויפגעלאָדנט
האָסטו מײַנע וויִעס
אין ירושלים.
אָ, ירושלים,
איז עס דערפֿאַר ווײַל ס׳ענדערט זיך
מיט יעדן ליכט
דײַן פּנים,
זײַן געזיכט.
איך קאָן די אויגן נישט אַוועקנעמען
פֿון אַלט-נײַעם כישוף
אונטער געדיכטע ברעמען
דײַנע מויערן,
די טויערן צעעפֿנט.
איך ציטער אַלץ נאָך
ווען איך גיי זיי דורך
ווי בײַם ערשטן טרעפֿן זיך
מיט דער באַשערטקייט.
איז מן הסתם דערפֿאַר
געפֿין איך נישט קיין ווערטער
ווען איך וויל דיך מאָלן.
און שטיל איך קרובֿע זיך
ווי דײַנע טאָלן צו די בערג,
זיי זענען נאָענט צום הימל.
אָ, ווי נאָענט זײַנען די בערג צום הימל
אין ירושלים.

שניטערצײַט

וואָס וויקלסטו אײַן נעפּל זיך אַרום
דאָ אין לאַנד פון זון ?
אַרויס פון מאַמע-לײַב אַ ווײַב,
אין יעדן שאָטן-יאָר
איך קען די שעה פון קעלט,
כ'דערקען זי אומעטום.

ס'איז שניטערצײַט.
די שניטער דאָ אין זון
צוויי מאָל אין יאָר געאַקערט און געזייט,
אַרויס פון מאַמע-לײַב אַ ווײַב,
אין יעדן שאָטן-יאָר
איך קען די שעה פון פרייד.

כ'דערקען זי אומעטום.

אויפֿן שפּיץ פֿון קאָם

איך לאָז זיך אַראָפּ און נעם אַרום
דײַן אויסגעצוואָגענעם קאָפּ —
באַרג צווישן בערג.
אַ קריזע צעגייט —
פֿאַרקלעמטקייט אין ברוסט —
און גיסט מיך צונויף מיט דער ערד.

ווי אין מאַמע-מילך
האָסטו אײַנגעטונקט
דיניקע מאַנדל-צווײַגן.

איך האָב אייגענע קינדער
קיין מאָל ניט געקושט
קוש איך ס׳צעבלומטע שווײַגן.

כ׳וויל אַזוי בלײַבן
מיט דיר דאָ אַ נאַכט
שרעקן מיך די הײַענעס,

נאָך אַ רגע וויג מיך אין גרינעם בליק
איידער איך פֿאַל צוריק
אינעם גוואַלד פֿון סירענעס.

מידקייט

— פאַר אברהם סוצקעווער

נעם מיך אין די בערג
באַזעסענע פון מדבר-אָטעם.
איך וועל נידערן צווישן רונדקייט געטאַקטע,
מײַן מידקייט וועט פאַרשווינדן
ווי מיט זונאויפגאַנג
פון זייער גוף געדיכטער נעפּל.
כ'וועל אויפהערן זיך שרעקן
פאַר זייערע באַוווינערס —
מיט גיפט אין צונג
און פלינקער מיטן חלף.
כ'וויל זײַן דאָרט איין מעת-לעת
אויגן, פולס און ליפּן,
צוגעדריקט צו ריפּן פון אַ מדבר-הייל,
אפשר וועל איך הערן דעם פליגל-פּאַך
פון דעם געהויבענעם אַליינער —
ס'שפּרייט קיינער ניט ווי ער
אַזאַ מלכותדיקן שאָטן.

אַ גרענעץ

לאָראַ * ציטערט פאַר די וועלף,
דעם פראָסט,
אין אַרומנעם פון זײַן אָרעם.

אַ פיש אין נעץ געפאַנגען
אינעם פענצטער,
איך רײַן אַרויס אין ווײַס-צעגליטער שטאָט

ווען ס׳איז בײַ ייִדן ניט פאַרבאָטן,
איך וואָלט פאַרשפּאַרט
פון לעצטן שטאָק אַראָפּ,
נאָר בײַ דער טיר
איז ליל-שימורים נאָך בײַם זקן,
אײַנגעוויקלט אין דײַן זיידנס באָרד
איבערן ספר.

פאַר וואָס איז באַלד
ניט קלאָר געוואָרן מיר,
אַז אָט די גרענעץ
נאָך אַ מאָל
וועסטו ניט שוואַרצן?

---

* פון „זשיוואַגאָ".

נאַקעט

כ׳קאָן ניט זײַן דײַן כּלה,
כ׳קאָן ניט זײַן דײַן שוועסטער,
דײַן צווילינג-ברודער אַוודאי ניט,
מיר זענען אַנדערע מינים צוויי.
כ׳קאָן אָבער אויך ניט זײַן
אַ טאָן בלויז אין דײַן ניגון.
איך בין, ווי דו, אַ ניגון פֿאַר זיך אַליין
פֿון זינען ניט אַראָפּ צוגיין.

און ווײַל איך בין אַליין אַ ניגון
און אין מײַן יניקה-קוואַל
זוניקע טרערן קלינגען,
און דו ביסט קוואַל פֿון קוואַלן, מלך
אין מלכות פֿון געזאַנג,
דיך לײַבלעכער צו דערהערן
טו איך זיך אָן נאַקעט.

וועטער

וועטערן

ניט פּאַזימקעס האָבן
די פּאַזימקע-ליפּן געחלומט,
נאָר ברויט.
אין ווײַסער פּאַרווייעטער ווײַט,
ווען אײַנגעשטעלט האָבן זיך וועטערן
לינדערן דעם הונגער מיט דאָרשט,
ביסטו געשען ווי אַ נס.
האָסט אַ מעת-לעת
מיט מיר ניט געטיילט,
נאָר באַלד מיר געשאָנקען
יאָרן קוואַליקע פרייד.
פולע געפעסן — דער גוף —
געטראַנקען געלײַטערט.
כ׳בין ווי דער קעמל
אין לאַנגן זומער אַרײַן.
באַלד ווען זיך וועטערן בײַטן,
דאָרשט וועט פאַרשווינדן,
הונגער וועט בלײַבן.
צי וועל איך נאָך האָבן
די אייגענע ציין ?

נעכטן, מאָרגן

קום אַנטקעגן מיט אָפֿענעם פּנים,
אַזוי ווי מיר וואָלטן בשלום
אַדורך דורך יאָרן צוזאַמען
אַלע מחלוקתן, גרוילן,
אַזוי פֿיל פֿרילינגען האָבן
אַוועקגעבלויט שוין.

וואָס נעכטן געווען איז מײַן שרעק
הײַנט איז מײַן אומעט:
דו ביסט ניט געווען
די ערשטע קנייטשן באַמערקן.

אַליין כ׳גיי אין אָוונט אַרײַן.
די רעגנס זיי וואַרטן ניט.
שאַרן מיט פֿײַכטע פֿינגער אַראָפּ
די רעשטלעך פֿון זומער.

עס קאָן זײַן אַזאַ שעה,
דו וועסט צוגיין צו מיר
ווי צום שפּיגל,
פּנים אל פּנים,
נאָר ס׳וועט אונדז שויןביידן
ניט ווײ טאָן מײַן פּנים.

אין נאַכט

פאַר א—א

כ'האָב נישט געדענקט
די ווײַסע שטאָט אין ווינטיקן פאַרנאַכט,
נאָר איך געדענק פון ים
דעם ריח אין איר נאַכט

ווען ווי אַקוואַריומס לעשן זיך קאַפּעען
און עס לאַנדן אויס
די נאַכט-שווימער
אין ערגעץ פון אַ הויז,

און איך געדענק אין בליץ-גרינער
הפסקה פונעם ליכט
דורך רעגן טראָפּנס אומגעריכט
איך אָטעם דײַן געזיכט,

און ווי אין ליד די נאַכט מיט דיר
אין נאַכט אַרײַן זיך שפּרייט,
און בלויז אַ צופעליקער הונט
אַ רגע שרעק אין פרייד.

און איך געדענק: אַ שפּאַן פון תהום
פאַראַנקערט אויף דער באַנק
דײַן בליק אין מיר
און אַרום מיר — דײַן האַנט.

און איך געדענק — ניין כ'בענק אויס,
איך דערבענק זיך ביז כ'זע קלאָר:
זילבער שוימט אין נאַכטיקן
ים פון דײַנע האָר.

צווישן שלאָף און שלאָף

ווײַ, ווי האָב איך געמאָסטן די ווײַט,
ווען חלומות האָבן
מהלכס אײַנגענומען
אין אַ רגע,
און פליִענדיק געיומטובט
און גערוט.

הײַנט זייער מינדסטער פּרוּוו
פֿאַלט שווער צווישן
שלאָף און שלאָף
און שרעקט אַרויס פֿון חלום
דעם פֿאַרמעסט.

דו האָרכסט : דאָס הויז
שפּאַרט אָפּ דעם אָנגריף
פֿון דעם ווינט.

דו טוליעסט זיך און זינקסט
אין וואַרעמקייט אַרום
דו זינקסט.

ווי אַ מילעבטראָפּן

— פאַר שמעון הלקין

ווי אַ מילעבטראָפּן, ערשטער צום גומען,
פון מאַמעס פאַרליבטער ברוסט,
ווי אַ יאַגדע-טוי, ווײַט פון המון,
אין געדיכט באַבלעטערטן קוסט;

ווי דאָס העמד פון אַ תמ׳ער בתולה,
נישט באַגליקט, נישט פאַרשעמט,
ווי דער גולם, נאָך איידער דער וואָרעם
אין זײַדענע פעדעם פאַרקלעמט;

ווי דאָס ליים נישט געקנאָטן, נישט געפורעמט
מיט שפּירעוודיקע פינגער און נאָז,
ווי אַ שטראַל אויף אַ ציגענעם האָרן
— אָן פאַרדראָס
באַפרײַ מיך איין מעת-לעת
פון געדענקען.

דער הײַנט

גענוג איז געווען דעם אַמאָל
אַ שמייכל אויף וויִעס
געבאָרגט בײַ אַ שעה בין-השמשות
די שטערן דערחלומען.
הײַנט דערטראַכט זיך דער חושך
צו אַלע פּינצטערע ווינקעלעך.
דער הײַנט — אַ גביר אַ פּאַראָרעמטער,
חשבונט ניט מער
רגעס געבענטשטע,
רגעס פּאַרבאָטענע,
מיט נאַכט און מיט שלאָף
אַ פּאַרשאָטענער,
ציטערט ניט אויף
אַז מען קלאַפּט אין דער טיר.

*

— מינה׳ן

שפּיל פּאַרזיכטיק יאָ-יאָ
מיט אונדז די ווונדער מידע
אין קונציקן פּליִען אַרויף און אַראָפּ
פאַרלוירן דעם כוח פאַר חידוש
און ציסטו אָן איבער דער מאָס
דאָס שטריקל, בלײַבט עס דיר איבער
און מיר, די פייגל געטראָפן פון שאָס,
פאַלן אַרויס פון דײַן חיבור.

*

— לזכר יעקב גלאַטשטיין

קוים פון דײַן ליכטיקן שפּײַכלער
זיך באַקליידט פאַר וועטערן לינדע
פון זוניקע ווײַנען פאַרזוכט
כ׳בין באַלד אַרויס פונעם זומער,
איז האָסטו פאַרלאָזן מײַן ווינטער
אַוועק צו די הויכע, די גרויע,
ס׳איז קאַלט דאָ אין טאָל.

די טעג קריגן קירצערן אָטעם
ס׳פאַרטראָגט זיך אויף רעגן און נעפּל
כאָטש קריך צווישן ווענט ווי אַ טויב
פון רגע׳קער שײַן צוגעצויגן
ווי זי פון אַ פענצטער אַ טויבן
אויפהייבן געניזקטן צאַפּל
אַנטקעגן דעם ווינט.

אַ רגע אַזאַ

אַ רגע אַזאַ
און ס׳הייבט אָן זיך
דײַן שטאַרבן.

דו קרישלסט זיך אויס
פון די אייגענע פאַרבן,
און זוכסט גאָר אומזיסט
צו פאַרשפּאַכטלען
די שפּאַרעס.

אין שפּיגל דערזעסטו
צוויי אומעטן דײַנע.

דער שפּיגל ער ווערט דיר
דײַן תּלין, דײַן שׂונא,
ווי ס׳מיידל
וואָס ס׳איז בלויז
איר יונגקייט
אַ ניגון,
און דער מאַן
וואָס אַ מאָל
בלויז זײַן בליק
פלעגט דיך פאַרבן.

פאַראַן אַזאַ רגע
ווען ס׳הייבט אָן זיך
דײַן שטאַרבן.

א. חלפי

געקענט האָסטו אַלע קאָלירן פון שווײַגן
ווי די טרערן פון יעדן געלעבטער,
אָנגעזאַפּט ווי קאָליסן-קאַרבן
מיט טעם פון פליִען און פאַלן
דײַן פּנים אין שניטן און פאַרבן
האָט פאַרדעקט און צעעפנט
פאַר די וואָס זוכן טרעפן
רגעס רו אין געזאַנגיקע רייד.

אַליין פון פרייד באַגזלט,
מען זאָל דיך אין אומעט ניט כאַפּן
אַרויסגעשלײַכט זיך פון זאַל,
פאַרדעקט באַלד דעם קאָפּ
אין ברייטע ראַנדן פון אַלטער
שיכורער שליאַפּע-נאַכט,
און פאַרלאָרן געוואָרן
אין ים-באַטרונקענער שטאָט.

דליה

דליה וויל ניט באַשענקען
איר מאַמען.
בײַ דליהן האָט מען
צוגענומען איר טאַטן,
און איך, איך ליב
די געזאַנגען דליהס —
פּנימער אונטערן זײַדענעם פּלאַטער.

דליה האָט האָר
פֿון אַ וואַסער־מלכה,
אויגן ווי אײַנגעוויגטע כוואַליעס,
וועקט מען זיי אויף,
וואַרפֿט אַראָפּ זי די בגדים
און וויקלט זיך אײַן
אין געוועבן פֿון תּמוז,
דליה האָט ליב דאַן
די פּאָרטן אין שימער.
טונקט זי זיך אײַן אין לבֿנה
און שווימט אונטערצינדן די ברעגן.

אַ פּאָרטרעט

— פאַר ד. מ.

אויף אַלע קנעפּלעך אַ פּאַרקנעפּלטער,
דער שפּירעוודיקער אײַנגעהערטער פויגל,
פון טשוב כמעט די פעדערן פאַרלאָרן --
טראָגט ער אים געהויבן,
ווי אַ צעוואָקסענע טשופּרינע.
ער מײַדט אויס אײַער בליק,
נאָר ווען ער זיך אין אים געפינען
דאָרטן בלײַבט ער.
ווי די אויגן,
פאַרזוכערס שטרענגע זײַנע ליפּן.
נאָר לויפט אַדורך זיי אַ מחשבה
אין אַ שמייכל באַפרײַט אַ שטראָם
וואַרעמקייט זײַן קול
און רײַסט אײַך מיט.

דו און איך

דו און איך
מיר זענען צעלאַכט
און צעוויינט אַנדערש.
דו קענסט,
איך מוז
וואַרטן.
דו — פון די ברויט-זאַטע קאַנטן,
אַ מאַמעס אַ קינד,
צום קינד אַ מאַמע,
איז וואָס
אַז אין קאָזע-שפּרונג
מען צעקלאַפּט זיך די נאָז?
דײַן הויז
אין זון און קווייטן,
באַלד טרעפט דיך
אַ שענערער ווייטיק.

אַן אינטערוויו אין טעלעוויזיע

אַ געמעל צער און חסד —
איר פּנים געניזוקט פון דער ציַיט
ווי דורכן ליַיוונט מיט אַ מעסער —
דער שמאָלער שניט אין בלאַסקייט ליפּן,
ווער ווייסט וויפל מיתות האָבן זיי באַגלייט
די פּאַסמעס ליכט אין טרויער אויפן הויכן שטערן
דערמאָנען, אַז באַשטערנט האָבן זיי אַמאָל אַ כלה,
נאָר מער פון אַלע גלידער אירע הענט
די איַינגעוואוינטע געבן שוועסטער-הענט
ציטערן פאַרבראָכן ווי איר קול
ווען מיטאַמאָל דער בעל-רחמנות
נעמט זיך אויסרעכענען
בציבור אירע תעניתים.

ווינט

אַזאַ מין מילדקייט אין דער לופט,
די פּאַסאַזשירן דרימלען,
דער שאָפער זעט אין שפּיגל ניט
די וועגן פאַרבײַזינגען.

דער וואַגאַבונד, דער ווינט פון שליאַר,
יונג מיט ווינטן געלאָדן,
טשעפּעט זיך צום בלומען-קלייד
אויף ברוינע פיס אָן זאָקן.

אין גרינער כאַקי אײַנגעראַמט
איבערן ביקס געבויגן
דעם אויסגעטאָקטן זומער-חן
ניט זעען זײַנע אויגן.

נאָר דער בעל העזהניק, דער ווינט,
וואָס קאָן קיין סוד ניט טראָגן,
די בשׂמים-פרייד פון זומער-קלייד
צעטראָגט איבערן וואָגן.

אחרית־הימים

אַ זון קויל —
די געלע קאַץ
אויפֿן צווײַג. —
ניט נאָר זי מאַכט אַ שווײַג,
ס'ציטערן אפֿילו ניט
בײַ איר די נאָזלעכבער
איבערן ראָזן מויל.
איז עס ריינע אימה
צי ווײַל זי איז
פֿון זאַטקייט פֿויל?

אַ בליק אפֿילו שענקט זי ניט
אונטערן בוים, די צוויי פֿאַרשווינען,
די לידער-וועבער צוויי:
דעם אַלטן קאָטער
און קודלאַטן הונט,
וואָס פֿאַסמאַקעווען זיך זיסלעך
מיט איין פּאָר פֿיסלעך
אָפּגעבראָטענע אין זון:
אפֿשר איז עס גאָר
אחרית-הימים
אָט די, דאָ
בשותּפֿותדיקע הנאה?

טו וואָס זשע פֿיל איך
אונטער די נעגל
רציחה פֿון אַ חיה רעה?

קאַטער

וואָס ליגסטו ווי אַ קאָטער
נאָז אין גראָז,
טשאַטעווען די פייגעלעך אויף צווײַגן?
דער זומער איז אַ האָז,
אַ ציטער קאַלט אין גראָז
דו וועסט ניט אָנכאַפּן
די זון
אין שפּיגל פון די אויגן!

וואָס בלאָזסטו אין די וואָנצעס,
דו קליינער באַלעבאָס,
ווו ס׳האַלט בײַם פליִען אין דער הייך
אַ ווײדל שלעפּט אַראָפּ,
צו שטעקן זיך, אַ נאָז דאַרף וויסן ווו
אַ שטיקל צורה זאָל
פאַרבלײַבן אויך.

אַ דיכטער

מיר טרײַבן שוין ביידע
די קעלטן מיט ווערטער,
נאָר נעמען די ליפּן דײַן וואָרט
ווערט נאָך קעלטער.
סטײַטש, ניט געווען איז
פֿאַרשטופּט, פֿאַרשלאָסן
אין הויפֿן און געסלעך
ענגע דײַן לשון?

אַ קעסט-קינד געווען
בײַ רײַכע טישן,
סעודות געפּראַוועט
אין יענע מקומות
ווו האָר-שפּראַך
און הייס בלוט
מיט וויַינען געמישט איז
אויף ליפּן פֿון פּריצים,
גלחים און הענדלער פֿון זונות —
און האָט זיך פֿאַרגנבעט
צו אייגנס אַ בענקען,
באַלד אָט דעם וואָרעם
דערטרונקען אין שענקען,
געטאָן אים אויף ווייך-ווײַסע
בריסטן פֿאַרוויגן.

עס איז נאָך אין קוק
דיר אַ סימן געבליבן
פון יענער בלוי-אויגיקער תאווה.
אַ מעלה איז טאַקע אַמאָל דער זכרון
און כאָטש אַ בעל-תשובה
ביסט שוין אין די יאָרן
און תפילה טאָן טוסטו
אין לשון פון אבות —
נאָר פאַרקאָוועטער שפּרודל
אין אײַז — דײַן קול.

שגעון

מײַן האַרבסט איז אַרײַן
אין די ביימער
איצט ווייס איך פאַר וואָס
זיי ברענען — שגעון

מײַן האַרבסט האָט געזאָגט:
כ׳וועל גיין אין ניו-ענגלאַנד
אַ קוק טאָן אויף זיך
איידער ס׳פאַרברענט מיך
דער ווינטער.

פון בוים אַראָפּגעבראָכן

צודעקן די הוילע אינדערפריִען
אין מײַן פענצטער
האָב איך פון בוים אַראָפּגעבראָכן
שאָטן-גרין פון קופּער גאָלד.

ברענג מיר ניט דעם שפּיגל
פאַר די אויגן
שטילער אומעט אין די שויבן.

מענער

שאַרפֿט ניט די טעמפּע בליקן
זיי שינדן פֿאַרפֿודערטע נויט,
ציילן די רונדן יאָרן
קורץ דאָ פֿון אויפֿבלי די פֿרייד
אין דינינקער קאָרע פֿון קלייד,
און האַרבע סעזאָנען,
אָנגלי און ווינטן,
ניט אַ חן-פֿינטל
לאָזן אין פּנים,
נאָר אַ שניט אין אַ ברי,
אַ ברי אין אַ שניט.

ווידער

עפן ניט דעם קעלטער פון רוטינע,
ווי פּיסקעלעך די סריסים-קאָטערס זאַטע,
אויף שויסן פעטע פון עלנטע ניו-יאָרקער,
ווי מײַלער הונגעריקע פּאָרטן
וואָס סאָרטירן ניט די ביסנס.

רײַן

רײַן געוואַשן,
פון ערשטער הייסער קלעפּיקייט אַרויס
און באַלד אַ שרײַ געטאָן: באַפרײַט!
אינעם באַריר מיט ערשטן קלאָרן וואַסער.

יאָ, איך בין פּאַרזיכטיק בײַם נאַשן
כאָטש פול דאָ די וויטרינעס
און בײַ גיך-קויפערס די טאַשן,
פון זיסער שפּע וואַשט מיך באַלד אַוועק
אַ בלויער דורשט ווי שטראָמענדיק אַ וואַסער
די טומאה פון זײַן ברעג.

*

ווילסט אין הייל זיך צוזעצן?
דו קענסט ניט דאָרטן שטיין,
כ'בין ניט קיין קונצן-מאַכער
די סטעליע אויפצוהייבן.
נאָר שאָטן אין אַ הייסן טאָג
איז דאָרט פאַראַן
צו באַהאַלטן זיך אַ שעה
פון דרויסן.

אַ ביסל טוי אויף שאָטנדיקן גרין,
די ליפּן אָפּצופרישן,
געפינען וועסטו אויך;
נאָר וויסן זאָלסטו
וועסט מוזן קניִען,
זיך אויפהייבן אין גאַנצער הייך
דו וועסט ניט קאָנען.
איז אפשר לאָמיר גיין אַהין
אַוווּ דו קאָנסט זיך אויסגלײַכן?
דו ביסט דאָך פון די הויך-געוואָקסענע
און איך האָב זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט
אויפהערן זיך קלעמען
ווען ביימער בייגן זיך.

שטורעם, ניט שטילקייט

שטורעם, ניט שטילקייט
ווי ס׳וואָלט אַ פּרעליוד
פון שאָפּען
צעשפּילט אַ קאַפּעליע
ציגײַנער.

געווען ביסט אַ בחור,
אַ שוואַרצער, ניט מײַנער,
הײַנט ריטשקעלער ווײַסע
איבער מײַן בליק —
דײַן טשופּרינע.

אַ שטילע, אַ הייסע,
אין זיי וועל איך שווימען.

שווימען

דו באָדסט זיך אין פֿאַרבן
ווי כלומרשט אין פּרויען,
און איך אין געדענקען
אַזוי ווי אין טײַכן,
ווי לאַנג נאָך? —
ווי ווײַט וועל איך שווימען?

ס'איז קורץ דאָ דער ווינטער,
דאָך נאַקעט די ברעגן,
די סליאַדן פֿון אָקערשט
פֿאַרטרינקען דעם רעגן
און דײַנע מיראַזשן.

אין פֿרילינג וועל איך
ווידער שווימען.

ווען?

כ׳בלעטער ניט דעם קאַלענדאַר
ווי און ווען צו קומען.
ס׳האָט די צײַט דיך מיט דער צײַט
אין גאַנצן אײַנגענומען.

זאָל איך קומען פֿרײַטיק? —
איז דאָך ערב שבת,
און אַ ניט-געבעטענעם
איז מען דען מקרב?

זונטיק, מאָנטיק, דאָנערשטיק? —
איז דאָך אין דער וואָכן,
מיטן יומטובדיקן האַרץ
ווידער ניט געטראָפֿן.

אפֿשר קומען אין דער פֿרי
ווי די זון אָן שאָדן
צו דעם פֿענצטער? ווייס איך ניט
ווער עפֿנט דאָ דעם לאָדן.

כ׳וואָלט די נאַכט אַ פּרוּוו געטאָן —
איז די נאַכט פֿאַרנומען.
כ׳זוך אַ שפּאַרע אין דער צײַט,
אפֿשר זאָל איך קומען

אין פֿאַרשלייערטן פֿאַרנאַכט
ווען מ׳קאָן ניט וויסן

צי טרוימען טראָגן דיך,
אין אַ שעה פון צווישן?

זאָל איך אפשר זוכן דיך
בעסער פּאַר באַגינען?
אין דעם נעפּל, זאָג מיר צו,
וועסטו ניט אַנטרינען.

אלטמאָדיש

ווילט זיך אַלט-מאָדיש צעזינגען,
ווילט זיך אַלט-מאָדיש צעוויינען,
כ'האָב אויסגעחלומט אַ חלום
איז אַ בעל-חוב מיר ניט קיינער.

כ'האָב אויסגעחלומט אַ הײַזקע
און פון איר גרינעם גאַניק
ווי נאָר דער אָוונט באַווײַזט זיך
טו איך דעם חלום פאַרמאַניען.

שפרוכן איך האָב אויף די טוצן
זיסינקע, ווייכע און האַרבע,
כ'יאָג אָן אויף די וועגן אַ פליוכע
אים דאָ פון איר פאַרבאַהאַלטן.

פאַלט ער אַרײַן, פון טשופּרינע
טרײַסלט אַראָפּ דעם רעגן,
די קורטקע, ווי אַ פעלערינע,
פון פלייצע, און קומט מיר אַנטקעגן.

די הײַזקע, זי האָט ניט קיין אויוון
זי האָט נאָר אַ באַנק פאַרביידן,
אַ לאָמפּ — אין שויב די לבנה
און וואַרעמקייט פול זײַנע אויגן.

וווּ ביסטו, צי ביסטו געקומען?
דו לויפסט, וואָס דאַרפסטו אַנטלויפן?
איז מען אַ בעל-חלומות
קאָן אַזאַ מעשה זיך טרעפן.

אכסניה

אַלט מיט קלאַנג ווי אַלט איך בין,
פון קלאַנג שוין באַלד אָן זינען,
פון די פאַרליבטע און צעקריגטע
וואָס צוזאַמען קומען
געפינען דאָ אין גרינעם הויז
אַן אָפּרוף און אַ וויגל
פּאָר צאַפּלענדיקע קעלכעלעך
און ציטעריקע פליגל.

זיי קומען אָן, זיי פליִען אָפּ,
און זעען ניט אפּנים
אונטער טשופּרינע פולער ליכט,
ווי ס׳לעשט זיך אויס מײַן פּנים.

און עמעצנס אַ פלאַטער-אויף,
און עמעצנס אַ ציטער,
אין דינעם גוף מײַנעם וועקט אויף
דעם נעכטיקן געוויטער.

זיי זינגען אויס, זיי זינגען אָפּ,
און פרײַע פון געבוירן,
אכסניות זוכן אַנדערע
אין קשאַקעס און אין קאָרן.

כ׳וואָלט וועלן אויך ווי זיי אַמאָל
פון רעגנס און חמסינען
פאַרטונקען זיך איבער די האָר
אין עמעצנס אָנגרינען,
און אויך געטאָן אַ פלי אַוועק,
באַפליגלט פון אַ ניגון
נאָר מײַנע פליגל דינען נאָר
צום וויגן און פאַרוויגן.

ווי קאָן עס זײַן?

— מײַן מאַמען

א.

ווי קאָן עס זײַן? —
„ס׳איז צופיל ליכט
אין אַלקער ניט אַרײַן,
ווען אַרײַן איך בין
מיט דיר אין טראָגן.

געהאַט האָב איך
צו זינגען און צו זאָגן
און מיט דער משׂא
זיך געשלעפּט שווין
באַרג אַראָפּ.

געדענק איך ניט
ווען האָט דערטרײַסלט זיך
דער וואָגן
פאַרנאַכט, צו ערב טאָגן?
און ווי פון בויד
אַרויסגעפאַלן ביסטו
פון מײַן שויס —
אַ ליכטיקע.״

ב.

צוזאַמען מיר זײַנען געוואַקסן,
איך פון דײַן בײגיקן גוף
אַרויס,
אַרום דיך זיך צעוואַקסן
אין רעגן און היץ,
זײַן דיר אַ צודעק, אַ שאָטן.
הער זיך ניט אײַן
אין דער נאַכט,
לאָז מיר דאָ בלײַבן
דײַן שאָטן.
עקשנותדיק היט
מײַן שמייכל
אין דײַן צעקאַרבטער קאָרע.

ג.

ווי שלאָפט זיך דיר
אין צודעק פון צעקאַרבטן שטערן ?
וואָס חלומסטו ?
געדענקט דיַין חלום פאַרבן ?
צי טובלט ער
אין וויַיטן עבר דיַינע בליקן
און ס׳טרינקען אָן זיך אַלע חושים
ווי אין הײַנטיקייט
עס טרינקען נאָר די ליפּן ?
איך בין אַליין שוין באַלד
דעם מיטלפּונקט אַריבער
און כאָטש מיט די אחריותן
מיר האָבן זיך געביטן,
דאָס שוואַכע קינד — דו,
איך — פיר דעם שליטן,
ווייס איך אַלץ נאָך נישט
ווי היט מען זיך
אין אַ געדיכטן נעפּל...

אָפעליאַ

אַליין וועל איך אין וואַסער ניט אַרײַן
אין געפּלעבכט פון נעבטנס זינקען.
ניט אין אַלטן ענגלישן טומאַן
געטרונקען כ׳האָב דעם ריח פון בעז,
נאָר פון ווײַסן וויִאָלעטן פרילינג —
פולע קריג אויף שבתדיקע טישן
אין שטאָט פון דער ווילִיע.
איידער אירע הינט זי האָט פון קייט
צעלאָזט אין מײַנע טריט.

עס האָבן נאָך
שוואַרץ-אויגיקע משהלער און שלמהלער
ווי וועווערקעס זיך געדראַפּעט
נאָך ניס אין וואַלד,
ווי מיד פון קלעטערן און יאָגן
אויף שמעקעדיקע קישנס מאָך
געלעגן כ׳בין אין קינדער-שלאָף,
איידער נאָך דער וואַלד
דערשטיקט האָט זײַנע פייגעלער...

און נישט געפונען האָט זיך עמעצער
וואָס זאָל בעטן : מיר פאַר אָט די אייגעלער ! —
ווען ס׳האָט גענומען לעשן זיך
אין זיי דער הימל.

די ערד אַ פּאַסטקע

כ׳האָב געפּרוּווט פון עבר זיך פּאַרנעסטן,
לעשן אָפּגעבריטע בליקן אין פּײַכטע בלומען-קעפּ,
ווי די פייגעלעך זיי נידערן אַראָפּ
פון אויסגעבריטע נעסטן
טרינקען זיך אָן, טובלען זיך אָפּ,
און אַוועק, אַוועק — —

ניין, כ׳וועל ניט זינגען ווי אַ פויגל
ווען הימלען זײַנען נעסטן
פול מיט בלײַ
די ערד אַ פּאַסטקע
ימען שרעק אַרום,

ניין, כ׳וועל ניט צערעווען
מיט בונטע פעדים — —
אַ וועלכע, גאָט, אַ, וועלכע נײַע פּחדים
שפּינט די בייזע צײַט
מיט דער פלינקייט פון אַ ווינט
פאַר איר קעסט-קינד
דעם בן-אדם ?

*

מיט זעלטענע ציגל
יום-טובים און טרויער
געפלאַסטערט די שורות.
כ׳בין מיד
פון אייגענעם כאַאָס
אַנטרינען אין טויער
פון יענעמס אַ ליד.

נאָר באַלד און אַ ווילדע
די פויק און צעוואָרפן
די בילדער,
צעטרײַסלט
די לופטיקע ווענט.

ווי עפנט מען די טיר

— מיט מרים און יצחק

ווי עפנט מען די טיר
ווו שטימען שעפּטשען נאָר ?
ווי גייט מען דאָ אַרײַן
מיט זומערדיקע האָר ?
דאָ האָט דער הימל זיך פאַרלאָשן.

ווי קוקט מען
אין די קריעה־ריסן אין געזיכט
די פון זון פאַריתומטע
די אויסגערונענע פון ליכט —
ווי קוקט מען אין זיי אַרײַן ?

ווי עפנט מען די טיר
אָן לשון דאָ, אָן תפילה דאָ ?
צו ווּעמען צופאַלן מחילה בעטן
פאַר לעבן אין אָט דער שעה ? —
דער תפילה־לאָזער שעה.

מײַנע יונגע לייענער
וויי, ניטאָ, ניטאָ.
מײַנע נײַע לייענער
קאַרג איז זייער שעה.

ווי קאָן איך זיי טרייסטן
מיט פאַרטרערטע פרייד ?
מיט מײַן זונען-רעגן
זייער זון פאַרגייט.

וואָס זאָל איך זיי זינגען
מעשה׳ס פון אַמאָל —
ווו דעם טאַטנס ניגון
וויינט דאָ אָן אַ קול.

זיץ איך מיר און שטום דאָ
ווי ער, ווי זי, ווי זיי —
פייגל מידע, אויגן שאַרע,
שווײַגן אַ געשריי.

*

יאָג ניט ווי דאָס ייִנגל
וואָס פֿרעמד איז אים סכּנה,
מיט פֿינגער נאַקעטע
דעם געטאָקטן אַנטלויף
פֿאַר די הערנער כאַפּן.

אויב דו ביטס נאָך מסוגל
צו געדענקען דעם שאַרפֿן ווייטיק
אין אַ צאַפּל שיינקייט,
פֿון איין שפּרונג ביז דעם צווייטן
לאָז אָרט פֿאַר חרטה,

מיט קורצזיכטיקן בליק
און קורצן אָטעם אין דער הייך
די גלײַכוואָג קאָנסטו נאָך פֿאַרלירן,
דאָ גרינט אַ טאָל נאָך
צו די מידע פֿיס.

אַ וועווערקע

ווי יעדער מאַן האָט ערגעץ זײַן פּייע
האָט יעדער פרוי ערגעץ איר וואַלדוועכטער.
מײַן וועכטער האָט חשיבותדיקע זיטן,
וואַלדיקע געמיטן, און צוריק געהאַלטנקייט
פון פאַרליבטע. ווען איך פאַרבענק זיך
נאָך אים, צינד איך אָן אַ שטערן.
לאָזט ער זיך אַראָפּ צו מיר ווי אַ פויגל,
און איידער ער קושט מײַנע ליפּן, קושט ער
מײַנע אויגן. זיי שמעקן מיט גראָז
די וואַלדוועכטער. מײַנער — מיט מאָך
און יאָדלע, און איידער ער גייט מיך
פאַרלאָזן, ווער איך אַ וועווערקע
אויף אַ ווײַל. איך שאַר צונויף
ניס און נאָדלען אויף שפּעטער.

אין דער זאַמלונג:

אַ גרעניעץ

ניט קיין אַלבאַטראָס 11
דער דריטער 12
אין שטראָם 13
✡ (האָבן מיר שוין) 14
פאַר מיר און פאַר דיר 15
ראָנדאָ 16
רויט און גרין 17
שטילע ברעגן 18
די שעה 19
עפּל 20
ווידערוועג 21
✡ (שטראָף ניט) 22
✡ (נאָך ניט אויסגעטאָן) 23
איך האָב נאָר פאַרגעסן 24
אַ דאַך 25
אַ חלום 26
אַן אות פון מײַן נאָמען 27
אַ סאַזשלקע 28
כישוף 29
שניטצײַט 30
אויפן שפּיץ פון קאָם 31
מידקייט 32
אַ גרעניעץ 33
נאַקעט 34

וועטערן

וועטערן 37
נעכטן, מאָרגן 38
אין נאַכט 39
צווישן שלאָף און שלאָף 40
ווי אַ מילעכטראָפּן 41

דער הײַנט 42
✶ (שפּיל פּאַרזיכטיק) 43
✶ (קוים פון דײַן ליכטיקן) 44
אַ רגע אַזאַ 45
א. חלפי 46
דליה 47
אַ פּאָרטרעט 48
דו און איך 49
אַן אינטערוויו אין טעלעוויזיע 50
ווינט 51
אחרית הימים 52
קאַטער 53
אַ דיכטער 54
שגעון 56
פון בוים אַראָפּגעקראָכן 57
מענער 58
ווידער 59
ריין 60
✶ (ווילסט אין הייל) 61
שטורעם, ניט שטילקייט 62
שווימען 63
ווען ? 64
אַלטמאָדיש 66
אכסניה 67
ווי קאָן עס זײַן ? (א. ב. ג.) 68
אַפּעליאַ 71
די ערד אַ פּאַסטקע 72
✶ (מיט זעלטענע ציגל) 73
ווי עפּנט מען די טיר 74
✶ (מײַנע יונגע) 75
✶ (יאָג ניט) 76
אַ װעװערקע 77